גליון קי"א
שבט תשפ"ה

וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ
גליון
על הַמָּזוֹן
מטרתו לעורר את גודל מעלת אמירת ברכת המזון בכוונה

"מצאתי למה אין אות פ"א סופית (ף) בברכת המזון לפי שכל מי שבירך ברכת המזון בכוונה, אין שולט בו לא חרון **אף** ולא ש**צף** ולא ק**צף**, ולא א**נף** ולא א**גף** ומזונותיו מצויין לו ברווח ובכבוד על ימיו".

("באר היטב" או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ה אות א' - ספר הרוקח סימן של"ז)

כך מקובל אני מרבותי ישמרם א-ל **שכל הזהיר בברכת המזון מזונותיו מצויין לו בכבוד כל ימיו**

(ספר החינוך מצוה ת"ל)

כותב העטרת זקנים אדם המברך ברכת המזון **מתוך הכתב בדקדוק ובכוונה** מסלק מעצמו צרות רבות ואסונות ל"ע.

# פארקויפט דער דירה און פארבליבן מיט ריווח פאר 5 יאר!

**לכבוד די חשוב'ע ארויסגעבער פון דעם הערליכן גליון "על המזון"**

דא שרייבט צו אייך א איד פון ארץ ישראל. איך ליין שוין אייער גליון "על המזון" פון אנהויב, און איך שעפ דערפון א געוואלדיגע חיזוק מדי חודש בחדשו עד היום הזה זיך צו האלטן פעסט מיט די הייליגע מצוה פון ברכת המזון, אלס הכרת הטוב וויל איך אייך דערציילן א הפלא'דיגע געשיכטע "בדידי הוה עבדא" וואס איך האב זוכה געווען צו א הימלישע השגחה פרטית אין זכות פון ברכת המזון.

איך בין א איד וואס דער אייבערשטער האט מיך געגעבן דעם געוואלדיגן זכות צו וועלן פארבלייבן זיצן און לערנען בין כותלי הבית המדרש, און איך האב דער זכיה דאס שוין צו טוהן זייט מיין חתונה פאר בערך 15 יאר צוריק, איי וואס וועט זיין מיט פרנסה? אויף דעם האבן מיר דאך דעם הבטחה פון דעם הייליגן "באר היטיב" און דער "חינוך" וואס שרייבן אז די וואס בענטשן יעדן טאג מיט כוונה וועט זיי נישט פעלן קיין פרנסה, האב איך זיך מקבל געווען צו וואשן נטילת ידים יעדן איינציגן טאג און בענטשן בכוונה.

און דער אייבערשטער האט מיך נישט פארלאזט, ברוך ה' אז איך האב געהאט א דירה אין ירושלים, און ווען ס'איז געקומען ימים טובים האב איך געהאט א פארמעגליכע איד פון חוץ לארץ וועלכע פלעגט דינגען פון מיר מיין דירה יעדעס יאר אויף גאנץ חודש תשרי וויבאלד דער דירה איז געווען בשכינות צו זיין מאמע, אן עלטערע פרוי, און וויבאלד ער האט געוואלט דייקא מיין דירה איז ער גרייט געווען צו באצאלן א שיינעם פרייז, און אט דאס געלט האט געקלעקט פאר מיינע הוצאות פאר עטליכע חדשים! אין צוגאב האט מיין ב"ב אויך געארבעט אזוי אז זי האט אויך אריינגעברענגט פרנסה, און מיט דעם האב איך ב"ה געהאט צו לעבן און איך האב געקענט ערפילן מיין שאיפה צו פארבלייבן זיצן און לערנען.

אזוי איז דער סדר אנגעגאנגען פאר פופצן יאר! ביז פאריאר אין די זוממער, ווען איך האב באקומען א טעלעפאן רוף פון דעם איד און ער זאגט מיר אז צוליב דעם אנגעשטרענגטן מצב המלחמה, און אזוי אויך וואס ער איז לעצטענס שוואך, פלאנט ער היי יאר נישט צו קומען...

פארשטייט זיך אז פאר מיר איז דאס געווען א שווערע בשורה, דאס איז דאך געווען איינער פון מיינע הויפט מקורות פון הכנסה, און דא דערלייג איך עס, איך האב זיך אבער תיכף מחזק געווען און נאך מער באפלייסיגט אין ברכת המזון און געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען ווייטער ממשיך זיין צו זיצן און לערנען, כמובן אז איך האב געטוהן פארשידענע השתדלות אויך, איך האב פראבירט צו זוכן אן אנדערן וואס זאל דינגען דעם דירה, אבער צוליב דעם מצב איז געווען א געוואלדיגע פארפלייצונג פון דירות מיט א נידעריגן פארלאנג.

אזוי איז דאס אנגעגאנגען פאר עטליכע וואכן ביז דער ישועה איז געקומען פון געגנצליך אן אומערווארטעטן ריכטונג. דער איד קלינגט מיר נאכאמאל אן און דערציילט מיר אז זיין מאמע האט זיך שטארק פארעלטערט און איז זייער שוואך, און ער האט שטארק חשק אז אן אייניקל זאל זיך אריינציען אין מיין דירה כדי צו זיין נאנט צו די מאמע ווען אימער, און דעריבער וויל ער נישט מער און נישט ווייניגער ווי אפקויפן מיין דירה! און ער איז גרייט צו באצאלן דערפאר גאר א הויכע פרייז וויבאלד ער וויל דייקא מיין דירה, נישט נאר דאס, נאר ער איז מסכים אויסצוצאלן אלע הוצאות פון זיך אריבערציען צו א נייע דירה!

איך האב זיך גלייך געמאכט א חשבון, אז איך קען קויפן פיל א ביליגערער דירה אין איינער פון די נייערע געגענטער, אזוי ארום קען מיך נאך פארבלייבן א שיינעם סכום אין דער זייט צו קענען לעבן דערפון בריווח אויף עטליכע יאר!

איך האב געענטפערט אז איך וויל קודם אויספראבירן דעם נייעם געגענט צו זען אויב עס קען זיך אויסארבעטן. איך האב גענומען א צייטווייליגע דירה אין דעם היימישן שטעטל "בית שמש" אין א פלאץ וואו עס וואוינען בני תורה און עס זענען דא כוללים און בתי מדרשים צו קענען לערנען מיט הרחבת הדעת, איך האב זיך באזעצט דארט און איך האב מורא'דיג שטארק הנאה געהאט, איך האב צוגעשטימט דעם "מקח" און איך האב פארקויפט דעם דירה אין ירושלים, און באקומען דערפאר א פרייז וואס האט ער מיר ערלויבט צו קויפן א רחבות'דיגע דירה אין בית שמש און פארבלייבן מיט פרנסה פאר פינף יאר צייט! וואס עס וועט זיין שפעטער? איך זארג זיך נישט, דער זעלבער באשעפער וואס האט מיר געהאלפן ביז יעצט וועט מיך ווייטער העלפן!

אין צוגאב צו דעם דירה-פרייז האט ער מיך אויך אויסגעצאלט אלע הוצאות זיך אריבערצוציען און ער האט מיך אפילו מרמז געווען אז ווען איך וועל האלטן ביים חתונה מאכן וועט ער מיך אי"ה אויך צושטייער געבן!

איך שפיר אז דאס אלעס איז אין זכות פון די גרויסע מצוה פון ברכת המזון!

א גרויסן דאנק

**י. שיש - בית שמש**

למי שיש סיפורים, עובדות, מאמרים ודברי תורה בגודל מעלת אמירת ברכת המזון בכוונה
או להערות והארות אפשר לפנות למייל: AlHamuzoin@gmail.com

**נתנדב לעילוי נשמת כ"ק מרנא ורבנא**
הרבי ר' ברוך ב"ר יחיאל מיכל זי"ע ממעזבוש - הרבי ר' מנחם מענדל ב"ר יוסף זי"ע מרימנוב - הרבי רבי אלימלך ב"ר אלעזר ליפמאן זי"ע מליזענסק
רבי לוי יצחק בן שרה סאשא זי"ע מבארדישטוב - רבי ישראל דוב בער ב"ר יוסף זי"ע מוועלעדניק - רבי ישכר בער בן ר' יצחק זי"ע מראדאשיץ
רבי נחמן בן שמחה בן פייגא זי"ע מברסלב - רבי ישראל מאיר בן ר' אריה זאב זי"ע בעל ה'חפץ חיים" - רבי משולם פייש בן רבי מרדכי בן צירל זי"ע מטאהש
הרבי ר' ישעי' ב"ר משה זי"ע מקערעסטיר - רבי שלום ב"ר מרדכי יוסף משה זי"ע משאץ - רבי אליעזר שלמה ב"ר מנחם זאב זצ"ל
רבי יעקב חיים ישראל רפאל בן רבי יצחק ושרה אלפייה זצ"ל